# מעגען מענער און פרויען זיצען צוזאַמען אין שול?

פון הרב יוסף דוב סאָלאָווייטשיק

[נדפס ב„טאָג־מאָרגען־זשורנאַל", כ"ו חשון תשט"ו]

שאלה: — לעצטענס איז די צאָל שולען, אין וועלכע מענער און פרויען זיצען צוזאַמען, שטאַרק געוואָקסען. אין אַ סך פון זיי דאַווענען אידען, וועלכע באַצייכענען זיך אַלס אָרטאָדאָקסען. האַלט איר, אַז די אָרטאָדאָקסיע דאַרף באַטראַכטען אַזעלכע שולען אַלס אַן אומפאַרמיידליכע געשעעניש און שלום־מאַכען מיט דעם שינוי, אָדער זי מוז אָננעמען אַ מיליטאַנטישע שטעלונג געגען דעם?

כדי קלאָר צו מאַכען מיין שטעלונג אין דער אָנגעווייטאָגטער פראַגע וועל איך דערציילען דעם פאָלגענדען עפּיזאָד:

אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך אַריינגעצויגען אין אַ פאָרשטאָט לעבן באָסטאָן, וואו אין דער איינציגער שול, וואָס האָט דאָרטען עקזיסטירט, זייִנען מענער און פרויען געזעסען צוזאַמען, האָט מיך אָנגעפרעגט וואָס ער זאָל טאָן ראש־השנה און יום־כפּור. ביז דאַמאָלט איז ער צוליב דעם ענין תערובות אין שול ניט געגאַנגען, אָבער ימים נוראים האָט זיך אים ניט געגלוסט צו בלייבען אינדערהיים. איך האָב אים געענטפערט, אַז ער זאָל בעסער דאַווענען אין הויז סיי ראש־השנה און סיי יום־כפּור און ניט אַריבערטרעטען די שוועל פון דער שול. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער מיר ווידער טעלעפאָנירט און דערציילט פאָלגענדע מעשה: ער האָט זיך געטראָפען מיט דעם בעל־תקיעה פון דער שול און יענער האָט אים געוואָרענט, אַז אויב ער וועט ניט קומען אין שול הערען תקיעות, וועט ער בלייבען אָן תקיעת־שופר, ווייל מען וועט פאַר אים פּריוואַט קיין תקיעות ניט בלאָזען. דער יונגערמאַן האָט כמעט מיט תחנונים זיך געבעטען ביי מיר, אַז איך זאָל אים מתיר זיין צו גיין אין שול כאָטש אויף איין האַלבער שעה, כדי צו הערען תקיעות. איך האָב מיך ניט פאַרטראַכט אפילו

אויף אַ רגע און אים געהייסען בלייבען זיצען אינדערהיים. בעסער ניט הערען קיין תקיעות איידער אַריינגיין אין אַ בית־הכנסת, וועמעס קדושה איז פאַרשוועכט געוואָרען.

מיין שטרענגע האַלטונג בנוגע תערובות נשים ואנשים איז באַזירט אויף עטליכע טעמים.

ערשטענס, תערובות איז אסור על פי ההלכה. עס איז אין מאַנכע פאַלען אַן איסור דאורייתא צו דאַווענען אין אַ שול, וואו מענער און פרויען זיצען צוזאַמען. אַזאַ שול האָט קיין קדושת בית־הכנסת ניט און די תפילה, וואָס מען דאַווענט דאָרטען, איז על פי דין ווערטלאָז.

צווייטענס, די אָפּזונדערונג פון די געשלעכטער אין שול שטאַמט היסטאָריש נאָך פון דעם בית המקדש, וואו עס איז געווען אַן עזרת נשים און עזרת ישראל. די כנסת ישראל האָט אין איר טויזענט־יאָריגער מאַרטירער־געשיכטע ניט פאַרשוועכט דעם פרינציפּ. נאָך מער, בשעת דאָס פרימיטיווע קריסטענטום איז דערשינען אַלס אַ סעקטע אין ארץ־ישראל און האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז איינצופירען רעפאָרמען, איז איינע פון די זאַכען, וואָס די סעקטע האָט גלייך מחדש געווען אין דער אויסערליכקייט פון די בתי תפילה, געווען דאָס זעצען מענער און פרויען צוזאַמען. אַ סך מאָל איז תערובות פון נשים ואנשים געווען דער סימן מובהק דורך וועלכען אַ איד פלעגט וואַרשיינליך דערקענען, אַז דאָס איז ניט קיין מקום קדוש, וואו אידען דאַווענען, נאָר אַ געבעט־הויז פאַר אַפּטריניקעס, ווייל דעמאָלט האָבען נאָך די קריסטען אויסערליך זיך ניט אונטערשידען פון די טרייע אידען. אַלס אַ געהיימע סעקטע האָבען זיי זיך באַמיט צו פאַרדעקען זייער אידענטיטעט, און נאָר דורך באַשטימטע סימנים פלעגט מען זיי דערקענען. מיר דוכט זיך, אַז היסטאָרישער זכרון אַליין דאַרף אונז אָפּהאַלטען פון נאָכטאָן היינט וואָס די פרימיטיווע קריסטען האָבען געטאָן מיט קנאַפּע נייינצען הונדערט יאָר צוריק.

דריטענס, די גאַנצע אידייע פון „פעמילי פיוס" איז אין ווידערשפרוך צו דעם אידישען גייסט פון תפילה. תפילה מיינט זיך מתיחד זיין מיט'ן רבש"ע און דאָס צוריקציען זיך פון אַלעמען און אַלץ. דער מענטש דאַרף זיך דעמאָלט פילען איינזאַם, פאַרלאָזען און אַליין. אויף דעם בורא־עולם דאַרף ער קוקען דאַמאָלט ווי אויף זיין איינציגען פריינט, פון וועמען ער קאָן דערוואַרטען הילף און טרייסט: „הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם, כעיני שפחה אל יד גברתה כן עינינו אל ד' א' עד שיחננו".

עס איז קלאָר, אַז פרויען געזעלשאַפט, וועלכע רופט אַ סך מאָל אַרויס

ביי מענער, און מענער געזעלשאַפט, וואָס רופט ביי פרויען אַרויס אַ באַשטימטע פריוואַליטעט, אין געדאַנקען אָדער אין פאַרהאַלטונג, קאָן קנאַפּ־וואָס ביישטייערן צו דער פאַרהייליגונג און פאַרטיפונג פון רעליגיעזען געפיל און אַרויסרופען די שטימונג, אין וועלכער דער מענטש דאַרף זיך געפינען בשעת ער טרעפט זיך מיט׳ן רבש״ע. דער „ממעמקים קראתיך ד׳״ קאָן ניט רעאַליזירט ווערען אין אַזאַ שול.

לויט מיין מיינונג דאַרף די אָרטאָדאָקסיע מאָביליזירען אַלע אירע כוחות און אָנפירען אַן אומדערמידליכען קאַמף געגען דער פאַרקריסטליכונג (קיין אַנדער נאָמען דערפאַר האָב איך ניט) פון דער שול, וואָס ווערט אָנגעפירט פון מענטשען, וואָס באַזיצען ניט קיין הלכה׳שען וויסען און אויך ניט קיין היסטאָריש־פילאָזאָפישע פאַרשטענדעניש וועגען דעם מהות פון תפילה, און האָבען די חוצפה צו ברעכען עיקרים און מנהגים, וועלכע זיינען בתקדש געוואָרען דורך בלוט און טרערען. איך גלויב ניט, אַז דער קאַמף איז אַ פאַרלאָרענער. איך זע ניט אין תערובות נשים ואנשים קיין פּראָגרעסיווע אידייע, וואָס זאָל אַפּעלירען צום קולטורעלען מענטשען. דער אַמעריקאַנער איד, טראָץ דעם וואָס ער איז איגנאָראַנט אין אידישע ענינים, באַזיצט אַ סך שכל הישר און האָט אַ באַשטימטע אינטעלעקטועלע ערליכקייט. איך בין איבערצייגט, אַז ווען די אידישע עפענטליכקייט וואָלט מיט אַן אמת אויפגעקלערט געוואָרען וועגען דעם ענין, וואָלט זי זיך אַנדערש באַצויגען צו דער אומווירדיגער רעפאָרם. זי וואָלט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אָפּטיילען מענער פון פרויען האָט ניט צו טאָן מיט גרינג־שעצונג פון דער פרוי, ווי די פאַרשטייער פון האַלב־רעפאָרמירטען לאַגער ווילען עס אויסטייטשען, נאָר פאַרקערט. זי איז באַגרינדעט אויף דעם אידישען געפיל פון צניעות. דאָס געפיל איז אידענטיש מיט דער יראת־הכבוד באַציאונג, וואָס יהדות פון אברהם און שרה האָט אַרויסגעוויזען צו דער פרוי אַלס מוטער און בויערין פון דער כנסת ישראל. „ויאמרו אליו, איה שרה אשתך? ויאמר, הנה באהל״.

פּראַקטיש דאַרף די אָרטאָדאָקסיע טאָן די פאָלגענדע דריי זאַכען:

א) אָנפירען אויפקלערונגס־אַרבעט אין וואָרט און שריפט;

ב) מאָראַליש אונטערשטיצען די יחידים און רבנים, וועלכע קעמפען אַ סך מאָל מיט מסירת נפש פאַר קדושת בית־הכנסת. מייסטענס הויבט זיך אָן די רע־פאָרם מיט דער עקשנות פון אַ תקיף אין דער בראָדערהוד אָדער סיסטערהוד. ווען די טראַדיציאָנעלע אידען וואָלטען געווען גוט אָרגאַניזירט און געהאַט אַ מער אַגרעסיווע שטעלונג, וואָלט מען אין אַ סך פאַלען עס געקאָנט פאַרמיידען;

ג) אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפֿן נעמען בויען שולען אין די פֿאָרשטעט און אין נייע געגענטען, וואו אידען באַזעצען זיך. ווען, למשל, דער פֿאַרבאַנד פון אָרטאָדאָקסישע קהילות אָדער די קהילה־ביוראָס פון די פֿאַרשידענע ישיבות קטנות וואָלטען זיך אויפגעהערט צו שפּילען מיט קינ־דערייען און נאַרישקייטען, מיט דער פֿאַרעפֿענטליכונג פון לידלאַך לכבוד חנוכה, אָדער מיט געבען עצות ווי צו באַקען המן־טאַשען אויף פּורים, און זיי וואָלטען זיך אָנשטאָט דעם קאָנצענטרירט אויף אָרגאַניזירען נייע בתי־כנסת און נייע אידישע קהילות אין אַמעריקע, וואָלטען זיי געקאָנט אַ סך לייסטען.

מיר האָבען נאָך די שלאַכט ניט פֿאַרלאָרען, ווייל מיר האָבען נאָך ניט אָנגעהויבען צו קעמפֿען. מיר האָבען מפקיר געווען די שול, פּונקט ווי די פּראָנצוויזען האָבען מפקיר געווען פּאַריז איידער די דייטשען האָבען געגעבען דעם ערשטען שאָס. מיר קאָנען אָבער נאָך אַפילו היינט פֿאַרטיידיגען אונזערע פּאָזיציעס, אויב מיר ווילען האָבען דעם רצון דערצו. דעם רצון צו קעמפֿען מוזען מיר האָבען, ווייל די שול איז דער צענטער פון קהל'שען לעבען דאָ אין לאַנד. קיין באַוועגונג און קיין אָרגאַניזאַציע איז ניט אַזוי שטאַרק ווי די שול. ווען מיר פֿאַרלירען אַ שול, גייט פֿאַרלאָרען אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע. אַן אָנ־שטענדיגער קאַמף פֿאַר פּרינציפּען אין אַלע מאָל ווירדיג און בכבוד'יג.

חגר חרבך על ירך רכב וצלח על דבר אמת.